סוכנות לקטעי עתונות
רח' החבצלת 9 ירושלים
ת. ד. 724 טלפון 24553

אונזער ווארט
(פאריס, צרפת)

10 מרץ 1979

216

10 יאָר נאָכן טויט פון לוי אשכול

דער גרויסער קאָלאָניזאַטאָר

פון **חנה זמר**

(שעף־רעדאַקטאָר פון „דבר")

איבּ ס'איז ריכטיק, אז די מעשׂים פון א מענטש באַגלייטן אים אויף זיין לעצטן וועג, וועט לוי אשכול זיך שטעלן פאַרן כסא־הכבוד מיט אַן איינדרוקספולן בילאַנס אפשר מער ווי יעדער אנדער ייד, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט אין די לעצטע דורות.

דאָס מעכטיקע ציוויליזאַטאָרישע ווערק פון ציוניזם אין דעם לאַנד פאַר און נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, דאָס שאַפן דעם בראשית פון באַפרוכפּערן די וויסטעניש און פון בויען די אינפראַסטרוקטור פאַר א מאָדערנער ווירטשאַפט זענען פאַרבונדן מיטן נאָמען שקאָלניק־אשכול. פון דער גרינדונג פון דגניה און ביז דעם נאַציאָנאַלן וואַסער־ווערק איז זיין קאָפּ, האַרץ און זיינע הענט געווען אין יעדן אויפטו פון בוי און אַנטוויקלונג. ער איז געווען דער גרויסער קאָלאָניזאַטאָר.

אין דעם קאַפּיטל פון זיין לעבן און אין דעם צד פון זיין טעטיקייט רעדט מען נישט וועגן א געפּעלשטער געשטאַלט אדער וועגן א נישט־ריכטיקער אָפּשאַצונג. אויך אין זיין לעבן האָט ער פאַר די אויפטוער זוכה געווען צו אַנערקענונג. וועגן אשכול דעם אַנטוויקלער איז נישט געווען קיין מחלוקת. פונעם טאָג ווען ער איז געקומען אין ארץ ישראל אלס א חלוץ, פון די לעצטע פון דער „צווייטער עליה" און ביזן סוף פון זיין אמט אלס פינאַנץ־מיניסטער, איז זיין ביאָגראַפיע פול די שעג־טעג, וועלכע א מענטש קען האָפן און ס'איז אין איר נישטאָ קיין שום עפנטלעכער קאַפּיטל, וואָס זאָל אים פאַרשאַפן א געפיל פון עוולה.

אין דעם קאַפּיטל פון זיין לעבן האָט ער דערפירט די וואַסער־אונטערנעמונג „מקורות" פון א פּראָדוקציע פון עטלעכע טויזנט קוביק־מעטער וואַסער צו א פּראָדוקציע פון 83 מיליאָן קוביק מעטער. לאַנגע יאָר שפּעטער האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן וואַסער און וואַסער־רערן, וואָס זענען זיין גרויסע ליבע. דאָס איז אויך דאָס קאַפּיטל, אין וועלכן ער האָט באַוויזן מאַכן עולים אויפן באָדן אין הונדערטער פּונקטן. און דאָס איז דאָס קאַפּיטל, אין וועלכן ער האָט באַקומען די מדינה־קאַסע, אין וועלכער ס'איז נישט געווען קיין רעזערוו אפילו נישט אויף איין טאָג. אין יענע טעג האָט ער מיר געזאָגט, אז אייגנטלעך ווייס ער נישט ווי אזוי דאַרף זיין א פינאַנץ־מיניסטער און ער וואָלט גערן זיך געווענדעט צו זיינע קאָלעגן אין אַנדערע לענדער, כדי זיי צו פאַרשן וועגן דעם. ער האָט אָבער געפירט זיין אַרבעט אויף זיין שטייגער, האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן אמט און האָט זיך אַן עצה געגעבן. אין די יאָרן פון זיין אַמטירונג איז דער יאָר־פּראָצענט פון וווּקס פון דער ווירטשאַפט געווען 10 פּראָצענט און יעדער בירגער האָט מיט זיינע אויגן געזען די מעכטיקייט פון דער אַנטוויקלונג און האָט געפילט די האָפענונג פון מאָרגן.

דער דערפאָלג און די אַנערקענונג האָבן בייגעשטייערט פאַרן אויפשטייג צום מאַן נומער צוויי אין דער היעראַרכיע פון מפא"י. דערצו האָט אויך בייגעשטייערט זיין פּערזענלעכקייט, וואָס איז געווען ביי אַלעמען אָנגענומען — סיי ווייל ער איז געווען א נוח לבריות, סיי ווייל ער האָט זיך דערווייטערט פון קריגעריין, סיי ווייל ער איז נישט געווען אידענטיפיצירט מיט קיין שום סעקטע אין דער פּאַרטיי. דער וועג פון דעם מאַן נומער צוויי האָט געפירט צו ווערן דער נומער איינס. אזוי איז געשען מיט אשכולן.

די פינף יאָר, אין וועלכע אשכול איז געווען דער נומער איינס האָבן אים אָן צווייפל געבראַכט מאָמענטן פון סאַטיספאַקציע, אָבער נאָך מער אַנטוישונג, דערדריקונג און פאַרביטערונג. דער אמט פון פּרעמיער־מיניסטער איז נישט געווען גוט מיט אשכולן, אָבער איז געווען גוט מיט דער מדינה. דער היסטאָריקער וועט וואַרשיינלעך אויסגעפינען, אז ער איז געווען דער בעסטער פּרעמיער־מיניסטער, וועלכן מדינת ישראל האָט געהאַט ביז דאַמאָלסט, אויסער די ערשטע יאָרן פון בן־גוריונען, וועלכער האָט זיך געשטעלט ביים רודער אין דער תקופה, אין וועלכער עס איז נויטיק געווען אַן אויטאָריטעט — מנהיג, ווי ער.

אשכול האָט דעם אמט פון פּרעמיער־מיניסטער נישט אָנגענומען מיט פרייד. זיין נייגונג צו מאַכט איז נישט געווען קיין שטאַרקע, אז זיי זאָלן איבערשטייגן די פאַרדאַכטן, וועלכע ער האָט געהאַט. הגם בן־גוריון האָט דעמיסיאָנירט פון זיין אייגענעם ווילן און בן־גוריון האָט עס „געקרוינט" אשכולן, און הגם אשכול איז געווען פון בן־גוריונס געטרייע מענטשן, האָט ער געהאַט א געפיל פון אומבאַקוועמלעכקייט. אָבער ווען ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע, איז ער געווען אַנטשלאָסן צו דערפילן זי זעלבסטשטענדיק. ער האָט פאַרלאָזן דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום און גענומען אויף זיך דעם פּאָרטפעל פון זיכערקייט, ווייל ער האָט אַרויסגעצויגן די מסקנות פון דער דערפאַרונג פון משה שרת. און צוליב דער לעקציע פון לבון האָט אים אין זיין ערשטן יאָר אלס זיכערקייט־מיניסטער באַגלייט א געוויסע אינערלעכע שפּאַנונג.

דעם אינערלעך־פּאָליטישן שטורעם איז ער ביי געקומען און איז פון אים אַרויסגעגאַנגען אלס זיגער. אין פּאָליטישע שוועריקייטן פלעגט ער דערגרייכן נוץ און דווקא פון שווערע מאָמענטן. ווען די דייטשן האָבן צוליבן פלירט מיט נאַסערן געפּרוּווט צו אַנולירן געווער־טראַנספּאָרטן פאַר ישראל, האָט זיי אשכולס טאַקטיק דערפירט צו פאַרוואַנדלען די נישט־אָפיציעלע באַציאונגען אין א פולן דיפּלאָמאַטישן געבּיט.

אשכול איז זוכה געווען צו זען דעם אָנהייב פון דער טראַפּנווייזער עליה פון ראַטנפאַרבאַנד נישט ווייניק א דאַנק זיינע פּרוּוון צו פאַרבעסערן די באַציאונגען מיט מאָסקווע. ער איז אויך דער ערשטער פון די ישראלדיקע מנהיגים וועלכער האָט באַזוכט די פאַראייניקטע שטאַטן אָפיציעל און אין זיין צייט האָבן זיך ברייט געעפנט די טירן פון געווער פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אשכול איז געוואָרן א דערפאָלגרייכער און אויך פּאָפּולערער פּרעמיער־מיניסטער, אָבער די תקופה פון וואַרטעניש, ערב דעם זעקסטאָגיקן קריג, האָט שווער געשעדיקט זיין אימאַזש אלס מנהיג. אין יענער צייט איז נאָך געווען אוממעגלעך צו וויסן, אז די וואַרטעניש, וואָס האָט אָנגעשפּיצט די נערוון און דערוועקט ציטערנישן וועט ניט גורם זיין קיין שום שאָדן. מען האָט אין איר געזען א פּאָליטישן חטא. נישט אשכול איז דערין געווען שולדיק, אָבער ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך.

אין די איצטיקע טעג, ווען ס'איז געוואָרן צען יאָר צו זיין טויט, האָבן פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אים געקענט פון מנחם בעגינען ביז ישראל גלילי, און א סך אַנדערע, געזאָגט, אז אשכולן דעם פּאָליטיקער איז געשאַפן געוואָרן א געפּעלשטער אימאַזש פון א מאַן, וואָס קען נישט דעצידירן. דער גרויסער זיג אין קריג פון די זעקס טעג, וואָס האָט באַוויזן, אז די וואַרטעניש איז געווען גראָד א ברכה סיי אין מיליטערישער און סיי אין פּאָליטישער הינזיכט פון דעם קאַמף, האָט נישט געקענט מער פאַרריכטן דעם פאַלשן איינדרוק און אויך נישט די פּראַקטישע עוולה, וואָס איז לגבי אשכולן געמאַכט געוואָרן.

נישט ווייניק האָט מען איצט דערציילט פאַר דער אויפקלערונג פון גרונט פון דעם פאַלשן איינדרוק, וואָס איז דאַמאָלסט אַנטשטאַנען, אָבער נישט אַלץ איז נאָך דערציילט געוואָרן. מענטשן, וועלכע קענען דעם פאַרבאָרגענעם טייל פון אמת, האָבן נאָך נישט געעפנט זייער מויל. אָבער איך האָב נישט קיין טעות איז דער טאָג, אין וועלכן מען וועט זיך דערוויסן וואָס ס'איז ביז איצט נאָך נישט דערציילט געוואָרן, מער נישט זיין אזוי ווייט.